בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּהַר

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן צוּ דֶעם?

### שְׁאֵלָה:

לְכָּבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוו *[דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]*, אִיבֶּער אוֹיבּ מְ'מֶעג הָאבְּן אִין קָאפּ ווִי כְּאִילוּ אַ בִּילְד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל. דֶער פַאקְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט מִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע גֶעפִיל, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין אִין דֶעם בְּעֶזְר הַשֵּׁם.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אִיבֶּער אַ זַאךְ וָואס טוּט מִיר שְׁטַארְק וֵויי. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיף יוֹם טוֹב בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַסַאךְ אַרוּם. אִיךְ בִּין נִישְׁט זִיכֶער אוֹיבּ דָאס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ, אָדֶער בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ עֶס פָּשׁוּט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט, אָבֶער זַייט מַיין חֲתוּנָה קֶען אִיךְ עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט דֶערְלַיידְן. אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען אָדֶער אִיךְ דַארְף טוּן וֶועגְן דֶעם? אוֹיסֶער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עז) **: ״כָּל הָעוֹלָם מָלֵא מַחֲלוֹקוֹת״, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קְרִיגְט זִיךְ; ״הֵן בֵּין אֻמּוֹת הָעוֹלָם״, אַלֶע פֶעלְקֶער קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, ״וְכֵן בְּכָל עִיר וָעִיר״, אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אִיז דָא מַחְלוֹקוֹת, ״וְכֵן בְּכָל בַּיִת וּבַיִת״, אוּן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אִיז דָא מַחְלוֹקוֹת, ״בֵּין הַשְּׁכֵנִים״, מִיט דִי שְׁכֵנִים, ״וּבֵין כָּל אֶחָד עִם אִשְׁתּוֹ**

וּבְנֵי בֵיתוֹ וּמְשָׁרְתָיו וּבָנָיו״, און מִיט דִי הויז גֶעזוּנְד, מִיט דִי וַוייבּ און קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', ״וְאֵין מִי שֶׁיָּשִׂים עַל לִבּוֹ הַתַּכְלִית שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הָאָדָם מֵת״, און קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעדְן טָאג שְׁטַארְבְּט מֶען, ״כִּי הַיּוֹם שֶׁעָבַר לֹא יִהְיֶה עוֹד״, וַוייל דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין, קוּמְט אוֹיס, ״וּבְכָל יוֹם הוּא מִתְקָרֵב לַמִּיתָה״, אַז יֶעדְן טָאג ווערְט מֶען נֶענְטֶער צוּם שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאךְ אַ שָׁאד אַז דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט זָאל זַיין אָנְגֶעפוּלְט מִיט מַחְלוֹקוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן מַחְלוֹקוֹת, בִּפְרָט וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; שְׁטֵיי אִין דֶער זַייט און נֶעם נִישְׁט קַיין שׁוּם צַד אִין דִי מַחְלוֹקוֹת פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן. וֶוען דַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ דִיר אוֹיף דִי מַאמֶע זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהֶערְן און וֶוען דַיין מַאמֶע רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אוֹיף דַיין טַאטֶע זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְרָאגְן אָדֶער בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרַע פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְן אַנְדֶערְן. דוּ זָאלְסְט זַיין דֶער אִישׁ הַשָּׁלוֹם, דוּ זָאלְסְט זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת - פַאר בֵּיידֶע פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

*[דֶער בָּרִיוו צוּ וֶועלְכֶער דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:*

**מֶעג אִיךְ הָאבְּן וִוי כְּאִילוּ אַ בִּילְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער בַּיי מִיר אִין קָאפּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק, דָאס פִּירְט מִיר צוּם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין שְׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה, און נָאךְ פִיל. דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען מַמָּשׁ כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה.

פוּן קִינְדְוַוייז אָן הָאבּ אִיךְ בַּיי מִיר אִין קָאפּ אַ גֶעווִיסֶער בִּילְד וִוי כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוֹיס אַזוֹי. אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל גֶעוֶוען בַּאקְוֶועם דֶערְמִיט, עֶס הֶעלְפְּט מִיר בַּיים דַאוְוענֶען וְכַדוֹמֶה, און דָאס אִיז מִיר לִכְאוֹרָה אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ פוּן קִינְדֶערִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אָדֶער פוּן בִּיכְלֶעךְ צוּ קָאלִירְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס אִיךְ טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן. דַארְף אִיךְ דָאס אַרוֹיסְהַאקְן פוּן קָאפּ? אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס גָאר אַ מַעֲלָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת נָשׂא, דַף קכז עָמוּד ב; וְעוֹד) אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָא קַבָּלָה הָאט עֶר צוּ עֶרְשְׁט אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיטְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים כז, טו): "אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה פֶסֶל וּמַסֵּכָה", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס מַאכְט אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קַיין גֶעשְׁטַאלְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט אַן אוֹיסְזֶען אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ כְּסֵדֶר צוּ חַזֶרְ'ן דִי אֲנִי מַאֲמִין'ס וָואס אִיז דִי יְסוֹד פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן דֶעם טָאג מִיט אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, בִּפְרָט זָאלְסְטוּ אַסַאךְ חַזֶרְ'ן דִי דְרִיטֶע אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף וְאֵין לוֹ שׁוּם דִמְיוֹן כְּלָל", זָאג עֶס אִין אִידִישׁ: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קַיין גֶעשְׁטַאלְט, עֶס עֶקְזֶעסְטִירְט נִישְׁט בַּיי אִים דִי מְצִיאוּת פוּן אַ גֶעשְׁטַאלְט אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט אָפְּמָאלְן"; אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַסַאךְ חַזֶרְ'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ קוּקְן אוֹיפְן הִימֶל וֶוען דֶער הִימְל אִיז לוֹיטֶער, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן יד): "כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים", עֶס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְן הִימְל.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אָן קַיין דִמְיוֹנוֹת.

...

[~~~~~~~~~~

## ווִי אַזוֹי לָאז אִיךְ זִיךְ אָפּ פוּן אַ שְׁלֶעכְטְן חַבֵר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן אִין אַ שְׁטוּב וואוּ ס'אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין לִיבְּשַׁאפְט, אַלְץ אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז, אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְנ'ס

הויז, דער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶלְטֶערֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, און מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווֶעלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף אַן אוֹפָן בַּאפְרַיינְדֶעט מִיט אַ גֶעווִיסֶער יוּנְגֶערְמַאן, דְרַייצְן יָאר עֶלְטֶער פון מִיר. אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, און אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז אַן עַוְולָה קֶעגְן זַיין ווַייבּ און קִינְדֶער, אָבֶּער פַּאקְטִיש אִיז עֶר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְש ווָאס רֶעדְט שֵׁיין צוּ מִיר, ווָאס פַארְשְׁטֵייט מִיר, און ווָאס אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר.

אִיךְ ווֶעל אִים אָבֶּער אָפְּלָאזְן, ווַייל דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ ווָאס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער לְכָבוֹד דֶעם בַּאקוּמֶען אַ צוּזָאג אַז אִיךְ ווֶעל שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, און אִיךְ ווֶעל הָאבְּן אַן אֱמֶת'עֶ שְׁלוֹם בַּיִת, מִיט אֱמֶת'עֶ לִיבְּשַׁאפְט.

בִּיטֶע גֶעבְּט מִיר חִיזוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן שְׁטַארְק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק. לָאז אָפּ דֶעם מֶענְטְש מִיט ווֶעם דוּ הָאסְט זִיךְ בַּאפְרַיינְדֶעט וְכוּ׳ ווָאס אִיז עֶלְטֶער פוּן דִיר מִיט דְרַייצְן יָאר און קֶען בַּאלְד זַיין דַיין טַאטֶע. אֲפִילוּ עֶר זֶעט דִיר אוֹיס צוּ זַיין אַ פֵיינֶער מֶענְטְש אִיז דָאס נִישְׁט פַאר דִיר; לָאז אִים זַיין מִיט זַיין ווַייבּ און קִינְדֶער, רֶעד נִישְׁט מִיט אִים און הָאבּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט אִים.

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ פֵיינֶע מֶענְטְשְׁן און עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן מִיט יֶעדְן ווָאס רֶעדְט שֵׁיין וְכוּ׳. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג, דוּ בִּיסְט נָאךְ יוּנְג און דוּ הֵייבְּסְט יֶעצְט אָן דַיין לֶעבְּן, אִיז אַ שָׁאד פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט אַרַיין פַאלְן אִין אַ נֶעץ. דוּ ווֵייסְט דָאךְ אַז: ״לִיבְּשַׁאפְט מַאכְט בְּלִינְד״, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן ווָאס אִיז רִיכְטִיג; בֶּעט אִיךְ דִיר לָאז אִים אָפּ.

אַז דוּ ווֶעסְט אָפְּלָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ ווֶעסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב ווִי דוּ ווֶעסְט בַּאקוּמֶען אֱמֶת׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַנְשְׁטָאט קוּקְן מָאוִויס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁנֶעלֶע עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַז אִיךְ זָאל גְלַייךְ אָפְּהַאקְן פוּן דֶעם יוּנְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקֶע שׁוֹין גֶעטוּן.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אַזוֹי, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי שְׁווֶערֶע מַצָב דָארְט, דִי קוֹלוֹת אוּן קְרִיטִיק וָואס אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען אוֹיף יֶעדֶע רִיר, אוּן דֶערִיבֶּער גֵיי אִיךְ גְלַייךְ אִין מַיין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ שְׁטוּפּ דִי צַייט מִיטְ'ן קוּקְן מָאוִויס, אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דָארְט בִּיז אִינְדֶערְפְרִי.

אִיךְ הֶער אָבֶּער אַסַאךְ אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאכְפָאלְגְן וָואס דִי מָאוִויס בְּרֶענְגֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ סֵפֶר צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס מִיט וֶועמֶען אַרוֹיסְצוּגֵיין, אוּן אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיין לֶעבְּן גֵייט צוּגְרִינְד, אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט מִיט מַיין לֶעבְּן, אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם מְנִיוָּול; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער אוּן גֵייט אַרוֹיס מִיט אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד אִיר צוּ מְחַזֵק זַיין וְכוּ׳ - אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ מוּשְׁחָת. אַזַא אֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ. אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין זִיווּג.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט זָאלְסְט זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט אִין דַיין צִימֶער פוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַרְבֶּעטְן בִּיז דֶעם אַנְדֶערְן אִינְדֶערְפְרִי; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ נִישְׁט אָנְטְרֶעפְן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּ זֶען ווִי זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, אָדֶער ווִי זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר אוּן דֶערְנִידֶערְן דִיר וְכוּ׳, וָואס דָאס מַאכְט

אַז דוּ זָאלְט זִיצְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט יוֹמָם וָלַיְלָה אִין דַיין צִימֶער אוּן קוּקְן מָאווִיס הַשֵּׁם יְרַחֵם, אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע זַאךְ.

זֶע צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט אַ חַבֶר'טֶע אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין חַבֶר'טֶעס זָאלְסְטוּ גֵיין אַלֵיינְס שְׁפַּאצִירְן; עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט צוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן, סַיי פַּארְ'ן גוּף אוּן סַיי פַּארְ'ן נֶפֶשׁ, דוּרְכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס. וֶוען מֶען זֶעט דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן עֶפְּנְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ אוּן מֶען קֶען אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעפַּיינִיגְט אוּן אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'נֶען, דַאן פְלֶעגְט עֶר גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעקוּקְט צוּם גְרוֹיסְן הִימְל אוּן גֶעזֶען דִי זוּן, דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס ווִי זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ח, ד): "כִּי אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂי אֶצְבְּעֹתֶיךָ, יָרֵחַ וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנָנְתָּה"; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן פַּאר זַיין לֶעבְּן.

גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין פַּארְמַאכְטֶע צִימֶער אוּן גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כה): "מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם", וֶוער עֶס הָאט דִינִים זָאל קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְן הִימְל, אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט עֶפְנְט זִיךְ דָאס הַארְץ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן קֶענֶען מְבַשֵּׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

...

~~~~~~~~~~~

## קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף צְנִיעוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל הָאבְּן חִיזוּק אוֹיף צְנִיעוּת, ווַייל דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן פַּאר מִיר. דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט גֶעוֶוענְלִיךְ צוּ בָּחוּרִים, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן ווַייטֶער כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז צְנִיעוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען בַּאצָאלְט אוֹיף דֶּעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׂכַר; אַ מֵיידְל וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִי רֶעדְט - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אִין זְכוּת פוּן צְנִיעוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; אוּן וִוי שְׁוֶוערֶער דָאס אִיז, נָאכְדֶעם וָואס אִיר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אוֹיף דֶּעם, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא - אַגְרָא", לוֹיט וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן אַ מִצְוָה אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען דֶערוֹיף.

פְּרוּבִּירְט אָנְצוּהֵייבְּן מִיט אַבִּיסְל, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב" - אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר מֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, וַוייל רוֹב מָאל הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק פוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן וַוייל מֶען וִויל טוּן אַסַאךְ אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טוּן אַסַאךְ טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶע בִּיסְל דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן צוּ טוּן אַסַאךְ. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַייךְ, אַז אִיר ווִילְט זַיין צְנִיעוּת'דִיג אָבֶּער עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער זָאלְט אִיר קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן מִיט אַבִּיסְל, אַזוֹי וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז יֶעדֶעס בִּיסְל וָואס מֶען טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב; אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי מֶען קוּקְט דָא, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה, יֶעדֶע רִיר וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע גוּטֶע מַחְשָׁבָה, יֶעדֶע גוּטֶע ווִילְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קנ:): "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד מִקַּמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", קֵיין אֵיין גוּטֶע מַחְשָׁבָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה אוּן קַל וָחוֹמֶר וֶוען אַ מֵיידְל אוּן אַ פְרוֹי טוּעֶן זִיךְ אָן אֵיידְל אוּן שֵׁיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט קְלֵיידֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל גֵיין דֶערְמִיט - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. דָאס הַאלְט צוּרִיק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט בַּאקוּמֶען אִידִישֶׁע גַאֲוָה און אִידִישֶׁע שְׁטָאלְץ זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל און אִידִישׁ, און אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַ עֶרְלִיכֶע וואוּילֶע זִיווּג און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

...

~~~~~~~~~~~

## דֶער מְחוּתָּן דְרֵייט אַסַאךְ דֶעם קָאפּ, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ בָּ"ה אַ פֵּיינֶער בָּחוּר וָואס אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב, אָבֶּער דֶער מְחוּתָּן הָאט יֶעצְט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן חָתָן, און עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַן הַפְסָקָה נִישְׁט צוּ גֵיין דֶערְוַוייל וַוייטֶער צוּ דִי חֲתוּנָה.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי סְ'אִיז כְּדַאי בִּכְלָל צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ, אָדֶער וֶועט עֶר נָאךְ דִי חֲתוּנָה וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ דְרֵייעֶן אַ קָאפּ מִיט טַעֲנוֹת? זָאל אִיךְ פְּרוּבִּירְן זִיךְ דוּרְכְצוּקוּמֶען מִיט אִים, אָדֶער זָאל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט גֶענוֹי דִי פְּרָטִים וְכוּ'.**

**אוֹיבּ אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִצַּד דִי עֶלְטֶערְן, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מְחוּתָּן אִיז דֶער וָואס וִויל שְׁטֶערְן דִי חֲתוּנָה, דֶעמָאלְט אִיז יָא כְּדַאי צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט דִי חֲתוּנָה. וַוייל אֵיין מָאל זֵיי וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועלְן זֵיי לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה און קֵיינֶער וֶועט זֵיי נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֶערְן, אָבֶּער אַז דִי אָפְּהַאלְט פוּן גֵיין וַוייטֶער קוּמְט מִצַּד הַכַּלָּה, דִי כַּלָּה אַלֵיינְס וִויל נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער דֶעמָאלְט דַארְף מֶען מֶער אַרַיין קוּקְן אִין דִי פְּרָטִים צִי מֶען זָאל גֵיין וַוייטֶער.**

**לוֹיט וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי שְׁאֵלָה אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם צְוִוישְׁן מְחוּתָּנִים וָואס פַּאסִירְט כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קל:) אַז יֶעדֶע מִצְוָה וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען מִיט אַ קְרִיגֶערַיי, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר יא, י): "וַיִּשְׁמַע**
~~~~~~~~~~~

מֹשֶׁה אֶת הָעָם בֹּכֶה לְמִשְׁפְּחֹתָיו", עַל עִסְקֵי מִשְׁפְּחוֹתָיו, - קְרִיגְט מֶען זִיךְ נָאךְ בִּיז הַיינְט בַּיי דֶעם, ""דְּלֵיכָּא כְּתוּבָה דְּלָא רָמוּ בָּהּ תִּיגְרָא", בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִיז דָא אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי מִשְׁפָּחָה; דֶערִיבֶּער אִיז זִיכֶער כְּדַאי אַז אִיר זָאלְט מְוַותֵּר זַיין, אִיר זָאלְט נָאכְגֶעבְּן דִי מְחוּתָּנִים אַז חָתָן כַּלָּה זָאלְן קֶענֶען וָואס פְּרִיעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן הָאבְּן שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט אַרַיין צוּ מִישְׁן אִין דִי לֶעבְּן פוּן דִי חָתָן כַּלָּה, נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל אַז דוּ זָאלְסְט מְוַותֵּר זַיין, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען מַאכְן וָואס שְׁנֶעלֶער דִי חֲתוּנָה פַאר דַיין זוּן.

...

~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אַ חוֹזֶק מִיט מַיינֶע תְּפִלּוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בָּ"ה זֵייעֶר אִינֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין קְדוּשָּׁה.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ מַאךְ חוֹזֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ פַאל נָאכְאַמָאל דוּרְךְ יֶעדְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

אוֹיךְ הָאב אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף זֵייעֶר שְׁפֶּעט, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע מִיטְלֶען, מִיט וֶועקֶער-זֵייגֶערְס וְכַדוֹמֶה, אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט מִיר אוֹיךְ שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מִיר, 'גֵיי צוּרִיק שְׁלָאפְן, שְׁטֵיי אוֹיף מָארְגְן צוּפְרִי וִוי אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ קוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר'.

אִיךְ מוּז הָאבְּן אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין נָארְמַאל אִינְדֶערְפְרִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**
~~~~~~~~~~

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ, וואויל אִיז דִיר און וואויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט אוֹיף און דוּ בֶּעטְסְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם.

שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט ווִי אַ חוֹזֶק אַז דוּ בֶּעטְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דוּ זָאגְסְט צוּ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט זַיין עֶרְלִיךְ און נָאכְדֶעם פַאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ; אַזוֹי גֵייט עֶס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען פַאלְט אַרָאפּ און מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען פַאלְט נָאכְאַמָאל און מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען זִינְקְט אַיין און מֶען גֵייט זִיךְ אָט אָט דֶערְטְרֶענְקֶען גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין, אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין און אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען קוּמְט אָן אִינְדְרוֹיסְן, מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִּיס"; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת און מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל און קוּקְן עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט אוֹיף אַלֶע שְׁמוּץ און אַלֶע טוּמְאוֹת, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיר!" אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, און גֶעדֶענְקֶען: "אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס", בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה.

שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט ווִי אַ חוֹזֶק ווַייל אַזוֹי גֵייט עֶס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֵיין נִישְׁט אַז צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֵיין נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין נְפִילוֹת וְכוּ'; דֶער חִילוּק אִיז אַז דִי צַדִיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ און זֵיי הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם", אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ הֵייבְּט עֶר אָן פוּנְדָאסְנַיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר עֶר קוּקְט אוֹיף פָּארְאוֹיס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן און נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָּה, און דוּ זָאלְסְט ווַייטֶער בֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם אֲפִילוּ דוּ הַאלְטְסְט אִין אֵיין פַאלְן. מוֹהַרְנַ"ת הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל מַאכְן אַ נִיגוּן אוֹיף דִי ווֶערְטֶער: "מְ'פַאלְט און מְ'פַאלְט און מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מְ'פַאלְט און מְ'פַאלְט און מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף"; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף שְׁטֶענְדִיג און עֶר גֵייט אָן, נִישְׁט נָאכְלָאזְן און אוֹיפְגֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן וְכוּ'; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס וֶוען עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ מִיט שִׂמְחָה: "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; אִין דֶעם לִיגְט אַ שְׁטַארְקֶע חָכְמָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן

צֶעפַּאלְן און זָאגְן: "פון מָארגְן וֶועל אִיךְ זַיין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְש", נָאר פון יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְאַמָאל: "אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְש אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ וְכוּ', אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְש אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## פַארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹיפִיל בֶּעטְן אוֹיף מָשִׁיחַ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מַמָשׁ מַיין לֶעבְּן, עֶס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אִין קְדוּשָׁה, און אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן דִי עֵצָה פון הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז אֵיינֶער וָואס טוּט דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. בָּרוּךְ ה' אַז אִין זְכוּת פון דִי שִׁיעוּרִים גֵייט בַּיי מִיר נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווייל אִיךְ אָבֶּער פְרֶעגְן פַארְוָואס מִיר בֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, אוֹיב דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ אַזַא מֶענְטְשׁ שׁוֹין נִישְׁט אִין גָלוּת, וָואס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס צוּ בֶּעטְן אוֹיף מָשִׁיחַ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז דִי לִימוּדִים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט לֶערְנֶען מִיט אוּנְז. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר און מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה און יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה"; מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים און מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~

דָאס טוט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז שׁוֹין יֶעצְט, עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נוּצְן דֶעם שְׁוֶועְרְד פוּן מָשִׁיחַ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִילָה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבְישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, יֶעדֶער וֶועט טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן וָואס דָאס אִיז דֶער גָלוּת וָואס מִיר לַיידְן, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָּלוּת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז אֵיין וָוארְט: 'מַחְלוֹקֶת'; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא סט:): "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", אַז דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז נָאךְ אַלְץ צְוִוישְׁן אוּנְז.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וֵויינֶען אוֹיף מַחְלוֹקֶת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז אַז עֶס אִיז דָא פֵּירוּדִים צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; דִי אַשְׁכְּנַזִים ווִילְן נִישְׁט דִי סְפַרְדִים אוּן צְוִוישְׁן זִיךְ אִיז מֶען אוֹיךְ צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלָאגְן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי סְפַרְדִים, מְ'ווִיל נִישְׁט דִי אַשְׁכְּנַזִים אוּן צְוִוישְׁן זִיךְ הָאט מֶען זִיךְ אוֹיךְ פַיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹיף אֵיין שִׁיף, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם מַאכְן לֶעכֶער אִינֶעם שִׁיף אוּן ווִילְן אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם דֶערְטְרֶענְקֶען"; דַארְפְ'ן מִיר זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן נִישְׁט זוּכְן יֶענֶעם צוּ קְלַאפְּן, דָאס אִיז דֶער גָלוּת אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעטְן מִיר אוּן וַוארְטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן דִי אַלֶע קַטְנוּת'עֶר, אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ לִיב הָאבְן אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי נְבוּאָה אוֹיף דִי צַייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען (יְשַׁעְיָהוּ יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דֶער וָואלְף מִיט דִי לֶעמֶעלֶע, דֶער לֶעמְפֶּערְט מִיט דִי צִיגֶעלֶע וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּ מִיטְ'ן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַאשֶׁען, דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת. "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלֶענְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְ'ן צְוֵוייטְן, ווַייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן ווִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶועט לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ וָואס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט): "אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד", יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶער וֶועט אַוֶועק וַוארְפְן דִי גֶעלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ ב, כ): "בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ הָאָדָם אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ, וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

## וָואס קֶען אִיךְ טוּן אוֹיסְגֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן פוּן הוֹיט אוֹיסְשְׁלַאגְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּלֶעג הָאבְּן eczema, אַן אוֹיסְשְׁלַאג אוֹיף דִי הוֹיט, אוּן סְ'הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אָבֶּער יֶעצְט אַפָּאר יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס וִוידֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייזְט מִיר מִיט דֶעם, מִיט וָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ פַארְרֶעכְטְן? אִיז דָא עֶפֶּעס אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועגְן דֶעם? קֵיין שׁוּם זַאךְ קוּמְט דָאךְ נִישְׁט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ פַאר אוּמְזִיסְט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן דָאס, "שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דֶעם תּוֹרָה: "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וַוייל שִׂמְחָה אִיז
~~~~~~~~~~

אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת עֶר זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נג, יד): "יָפָה תְּפִלַּת הַחוֹלֶה מִתְּפִלַּת אֲחֵרִים עָלָיו, וְהִיא קוֹדֶמֶת לְהִתְקַבֵּל", דִי תְּפִילוֹת פוּן אַ חוֹלֶה פוּעֶלְ'ט יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זִינְד אוּן שִׁיק מִיר אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה"**, וֶועסְטוּ זִיכֶער בְּקָרוֹב אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן; סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וְוען עֶס הֵייבְּט אָן וֶוערְן זוּמֶער אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אִין גַאס, בִּפְרָט פַאר דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין גַאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן.

פָארִיגֶע וָואךְ פְרַייטָאג זֶענֶען מִיר צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ נְסִיעָה אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי יְשִׁיבָה. מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יַבְנִיאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב, דִינְסְטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוְונְט שַׁחֲרִית אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יַבְנִיאֵל, (אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַארְשְׁפַּארְט, מֶען דַאוְונְט דָארְט נָאר שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען הָאט דָאס גֶעעֶפְנְט פַאר אוּנְז). אוֹיף דִי מְחִיצָה פוּן דִי וַוייבֶּער שׁוּל, בַּיי דִי מֶענֶער זַייט אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער: ״מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל״; מוֹהַרְנַ״ת הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי מְחִיצָה פוּן דִי וַוייבֶּער שׁוּל מִיט דִי כַּוָונָה אַז אוֹיבּ וֶועט אֵיינֶער פְּרוּבִּירְן אַרַיין קוּקְן צְווִישְׁן דִי לֶעכֶער פוּן דִי מְחִיצָה אִין וַוייבֶּער שׁוּל, זָאל עֶר זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא; אַזוֹי וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קוּקְן״.

אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט דִי וָואךְ (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים פד.): "וְכַךְ הֲוָה רַבִּי שִׁמְעוֹן עָבִיד", אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זִיךְ פִירְן. "כַּד הֲוָה אָזִיל בְּמָתָא וַהֲווּ חַבְרַיָיא אַזְלִין אֲבַתְרֵיהּ", וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, "וְחָמָא לְאִינְתּוּ שְׁפִּירָאן", אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט פְרוֹיעֶן, "מָאִיךְ עֵינֵיהּ, וַהֲוָה אָמַר לְחַבְרַיָיא אַל תִּפְנוּ", הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִקְרָא יט, ד): "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, גֵייט נִישְׁט נָאךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

גֵיי יֶעצְט טוֹבֵל זִיךְ אִין מִקְוֶה; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִקְוֶה טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת וְכוּ' אוּן דוּרךְ מִקְוֶה וֶוערְן זֵיי אִינְגַאנְצְן אוֹיס, זֵיי פַארְלִירְן דִי שַׁייכוּת מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, בִּפְרָט אַז דוּ דַארְפְסְט דִי מִקְוֶה וְכוּ', דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט וְכוּ' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי; "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא).

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מָאנְטָאג נַאכְט, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין צְפַת זִיךְ טוֹבֵלְ'ן אִינֶעם מִקְוֶה הָאֲרִיזַ"ל. נָאכְ'ן זַיין אִין עֶרְפָּארְט אוּן אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן צְוִוישְׁן גוֹיִם - זֶענֶען מִיר דָאס עֶרְשְׁטֶע גֶעפָארְן זִיךְ טוֹבֵלְ'ן, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וֶועלְכֶע לִיגְן דָארְט אִינֶעם בֵּית הַחַיִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר: "גֵיי אִין מִקְוֶה", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע צָרוֹת. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה טוֹבֵלְ'ט מֶען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִין, סִימָן כב): "עַל-יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גֶעזוּנְטֶע הֵיילִיגֶע קִינְד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז אִיר וַוארְט לְמַזָל טוֹב; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן בְּנַקֵל גְרִינְגֶערְהֵייט, גְרִינְג הָאבְּן אוּן גְרִינְג עֶרְצִיעֶן לְתוֹרָה וּלְמִצְווֹת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס מֶען עֶסְט נִישְׁט אִין דִי טֶעג וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידּוֹת, אוֹת קֹשִׁי לֵילֵד, סִימָן א): "אִשָּׁה שֶׁאוֹכֶלֶת צְנוֹן בְּעִבּוּרָהּ, תֵּלֵד בְּקֹשִׁי", אַ פְּרוֹי וָואס וֶועט עֶסְן רֶעטֶעךְ אִין דִי טֶעג וָואס זִי וַוארְט וֶועט הָאבְּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן בַּיים גֶעבּוֹירְן, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן פוּן עֶסְן אִין דִי טֶעג רֶעטֶעךְ. אוֹיךְ אִיז גוּט מַקְפִּיד צוּ זַיין נִישְׁט צוּ עֶסְן אִין דִי טֶעג וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ' אוּן אִין דִי טֶעג וָואס מֶען זֵייגְט רוֹיעֶ קְנָאבְּל אוּן רוֹיעֶ צְוִויבְּל, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִידּוֹת, אוֹת הֵרָיוֹן, סִימָן ד): "עֻבָּרוֹת וּמֵינִיקוֹת לֹא יֹאכְלוּ שׁוּמִין וּבְצָלִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אִין מִדְבָּר אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אִין דִי מָן חוּץ פוּן צְוִויבְּל אוּן קְנָאבְּל כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט שַׁאטְן פַאר דִי פְּרוֹיעֶן אִין דִי צַייטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (הוּבָא בְּרַשִׁ"י בְּמִדְבָּר יא, ה): "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, מִפְּנֵי מָה הַמָּן מִשְׁתַּנֶּה לְכָל דָּבָר חוּץ מֵאֵלּוּ? מִפְּנֵי שֶׁהֵן קָשִׁים לְמֵינִיקוֹת".

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר קֶענְט טוּן כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גֶעזוּנְטֶע הֵיילִיגֶע קִינְד; מוֹהַרְנַ"ת פְּלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶע פְּרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן וְכוּ' אַז זֵיי זָאלְן מַזְכִּיר זַיין שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט מֶען זָאל זָאגְן כְּסֵדֶר דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְווֵיינִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ אוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהַרְאַ"שׁ מִיַבְנְאֵל וְכוּ' וְכוּ' אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִילָה: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים; בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בִּרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל

זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

מִיט יֶעדְן קִינְד קוּמְט מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שֶׁעפְּט חִיזוּק פוּן דִי פְּרוֹיעֶן הַאטְלֵיין, פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִילָה.

בְּנוֹגֵעַ צוּ בַּאקוּמֶען אַ הֶיתֵּר פַאר נָאךְ צַייט וְכוּ׳; מֶען קֶען נִישְׁט זִיךְ אָפְּהַאלְטְן פוּן הָאבְּן קִינְדֶער נָאר וֶוען עֶס אִיז נוֹגֵעַ צוּם גֶעזוּנְט פוּן דִי פְרוֹי אָדֶער דֶער מַאן, סַיי פִּיזִישׁ אוּן סַיי גֵייסְטִישׁ; נָאר דֶעמָאלְט גֶעבְּט דֶער רָב אַ הֶיתֵּר וְכוּ׳, אָבֶער אוֹיף דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר קֶענְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן אֵייעֶר מַאן אָן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וְכוּ׳ - אוֹיף דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הֶיתֵּר. קִינְדֶער שְׁטֶערְן נִישְׁט פוּן הָאבְּן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר, אוֹיבּ עֶפֶּעס אִיז נָאר פַארְקֶערְט, מִיט קִינְדֶער וֶועט אֵייעֶר קֶשֶׁר נָאר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס וֶועט זַיין מִיט גֶעלְט וְכוּ׳; אוֹיף דֶעם דַארְפְט אִיר נִישְׁט זָארְגְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ זָן וּמְפַרְנֵס, עֶר גֶעבְּט גֶעלְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט אַ קִינְד דֶעמָאלְט קוּמְט גְרוֹיס שֶׁפַע, אַזוֹי וִוי צַדִיקִים טַייטְשְׁן דֶעם מַאֲמַר חַזַ״ל (עַיֵּין נִדָּה לא:): ״בָּא תִינוֹק לָעוֹלָם, בָּא כִּכָּרוֹ בְּיָדוֹ״, אַז וֶוען עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד קוּמְט שׁוֹין מִיט אִים שֶׁפַע.

וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער רַחְמָנָא לִצְלָן; מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אִיבֶּערְרֶעדְן אַנְדֶערֶע נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער מִיטְ׳ן אוֹיסְרֵייד: ״וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה?״ אָדֶער אַנְדֶערֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ הַאלְט מֶען פָאר מֶענְטְשְׁן: ״אוֹיף וֶועמֶענְ׳ס חֶשְׁבּוֹן הָאסְטוּ קִינְדֶער?!״
~~~~~~~~~~

דֶערִיבֶּער, אַז אִיר שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַז אִיר בֶּעט דָאס צוּלִיבּ אֵייעֶר כֹּחַ צוּשְׁטַאנְד נָאר צוּלִיבּ בּוֹיעֶן אַ קֶשֶׁר וְכוּ' אִיז זִיכֶער אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ מְגַדֵל זַיין אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

...

~~~~~~~~~~

**אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִידוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי טֶעג פוּן דִי יְמֵי הַסְּפִירָה דַארְפְן מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מִידוֹת מִיר זָאלְן נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סב:): "שְׁנַיִם עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעהַאט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים, "וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם", וָואס אַלֶע זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן דִי וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט וִויסְט פוּן תּוֹרָה; דַארְפְן מִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ חַבֵר אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִיר.

בִּפְרָט צְוִוישְׁן אוּנְז - תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ; מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דֶער שִׂיחָה נָאךְ נִישְׁט מְקוּיָם גֶעוָוארְן אוּן הַלְוַאי זָאל עֶס מְקוּיָם וֶוערְן צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

עֶס אִיז דָא אַ שַׁארְפֶע דִיבּוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז אַזוֹי שַׁארְף אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל עֶס בִּכְלַל שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶס גֶעזָאגְט אִיז עֶס אַזוֹי: "אוֹיבּ מֶען הָאט פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אִיז אַ שָׁאד דִי שְׁפֶּעזְן קַיין אוּמַאן!" דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְעֶכְטְן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אִיז
~~~~~~~~~~

זֵייעֶר בִּיטֶער. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָפְּלָאזְן אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן; אַז אַ צְוֵוייטֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ וִוי דִיר דַארְף מֶען זִיךְ נָאךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן.

נֶעם דִי מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'; שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צוּ אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְּן אוֹיסְלַייטֶערְן דַיינֶע מִידוֹת, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן אוּן אִיךְ זָאל וֶועלְן טוּן אַ טוֹבָה פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן מִיר. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר גוּטֶע מִידוֹת, גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע הַארְץ אִיךְ זָאל זוּכְן וִוי אִיךְ קֶען הֶעלְפְּן אַ צְוֵוייטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאר פוּן מִיר".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (צֶעטְל קָטָן, אוֹת טז): "הָאָדָם לֹא נִבְרָא רַק לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶבַע", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת; אַז מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט אוֹיס דִי מִידוֹת אִיז מֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ. אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיוֹב יא, יב): "וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד", אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן וִוי אַן אֵייזְל אָן שֵׂכֶל אוּן עֶר דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין וַוייל אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר; בִּפְרָט יֶעצְט זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים, בָּחוּרִים וָואס ווִילְן לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָה, אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ תַּלְמִידִים הֲגוּנִים, תַּלְמִידִים וָואס ווִילְן לֶעבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען אֵיידֶעלֶע רֵיינֶע בָּחוּרִים דַארְף אִיךְ גֵיין צוּ זֵיי.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶועגְן אַבִּיסְל שְׁפִּין וֶועבַּאכְץ זָאלְסְטוּ אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דוּ שְׁטֵייסְט שׁוֹין מַמָשׁ בַּיים גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן אַז דוּ וֶועסְט יֶעצְט אוֹיפְגֶעבְּן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ פָּנִים וִוי דֶער מֶלֶךְ וָואס אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דִי שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְץ בַּיים טוֹיעֶר. דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת, וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אַיינְגֶענוּמֶען כִּמְעַט אַלֶעס אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין פַּאלַאץ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מִילִיטֶער לַייט: "מֶען גֵייט צוּרִיק, מֶען גֵייט אַהֵיים וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין פַּאלַאץ, עֶס אִיז דָא אוֹיפְן טִיר אַ שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְץ (סְפֵּיידֶער וֶועבּ)", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה: "אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה פוּן דֶעם קֶענִיג? וֶועגְן אַ קְלֵיין בִּיסְל שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְץ זָאל מֶען אַלֶעס אָפְּלָאזְן?!" דָאס זֶעלְבֶּע בֶּעט אִיךְ דִיר: "דוּ בִּיסְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ יֶעצְט נָאכְן פְּרוּבִּירְן אַזוֹי סַאךְ אַלֶעס אָפְּלָאזְן?"

גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען; דַאוְון נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אִין אָפִּיס וְכַדוֹמֶה, דַאוְון נָאר אִין שׁוּל וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נֶעכְטְן אַ נֵייעֶ זְמַן אִין יְשִׁיבָה מִיט פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים כֵּן יִרְבּוּ; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער יֶעצְט דַארְף אִיךְ אַרַיין גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים פָּארְלֶערְנֶען, "מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים" - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן; "אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן בָּחוּרִים אוּן זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן", דָאס פְּרוּבִּיר אִיךְ נָאךְ צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עְרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע אֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים
~~~~~~~~~~

בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסִיֶע, וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ נָאכְדֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע פַּארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ. עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ; דִמְיוֹנוֹת, פְּחָדִים, בִּלְבּוּלִים - אוּן וָואס נִישְׁט, אַלֶעס כְּדֵי צוּ צוּנֶעמֶען דִי שִׂמְחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. מִיר דַארְפְן אָבֶער פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע יְסוּרִים.

דֶעריבֶּער זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אִיר זָאלְט טַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֵוייטָאגְן. מוֹהֲרַא"ש זָאגְט (מְקוֹר הַשִּׂמְחָה שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, סִימָן פד) בְּשֵׁם רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן: "מִיט'ן זַיין פְרֵיילִיךְ וִויפִיל מְ'אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ, אִיז מֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן זַיין פְרֵיילִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן אַייךְ אַלֶע וֵוייטָאגְן אוּן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

...

~~~~~~~~~~

**הִתְקַשְּׁרוּת צוּ צַדִּיקִים דוּרְךְ לֶערְנֶען אִין זֵייעֶרֶע סְפָרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם פְרַייטָאג בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן דִי נְסִיעָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דִינְסְטָאג אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל; מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט שַׁחֲרִית אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית זֶענֶען מִיר אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ וואוּ מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִילִים אִינְאֵיינֶעם. מִיר הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי צַוָואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרַא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידֶל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".
~~~~~~~~~~

מִיטְוָואךְ אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוְונְט בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ דָארְט פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם שִׁיעוּר פוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוֹיךְ דָאנֶערְשְׁטָאג הָאבְּן מִיר גֶעדַאוְונְט בַּיים צִיּוּן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט בַּבְלִי אוּן אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶעם הִתְעוֹרְרוּת וָואס מֶען שְׁפִּירְט בַּיים צִיּוּן אִיז אֵין לְשַׁעֵר, עֶס אִיז גֶענוֹי אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵל'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר - אַ יְשׁוּעָה.

מִיטְוָואךְ זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה; מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים קֶבֶר הָרַמְבַּ"ם. עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ צוּ זַיין בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם רַמְבַּ"ם וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג רַמְבַּ"ם; בָּרוּךְ ה' מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם לִימּוּד צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק רַמְבַּ"ם, אַ טֵייל פוּן דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה לֶערְנֶען אוֹיךְ יֶעדְן טָאג רַמְבַּ"ם. נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן צוּם קֶבֶר פוּן רֶבִּי חִיָּיא וּבָנָיו, דָארְט הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא פוּנֶעם טָאג; וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹסֶפְתָּא, דִי בְּרַייתוֹת פוּן רַב חִיָּיא שְׁפִּירְט מֶען עֶפֶּעס מֶער וֶוען מֶען קוּמְט דָארְט בַּיים צִיּוּן.

אִיךְ הָאבּ דָארְט פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי בָּחוּרִים דִי גְמָרָא (בָּבָא מְצִיעָא, פה:) וואוּ עֶס וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב חֲבִיבָא בַּר סוּרְמַקֵי וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פְלֶעגְט לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִים יֶעדְן טָאג, אֵיין טָאג אִיז דֶער צַדִּיק בְּלִינְד גֶעוָוארְן וַוייל אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי פְּלַאץ אוֹיבְן אִין הִימְל פוּן רֶבִּי חִיָּיא, דוּרְכְדֶעם אִיז אִים פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן זַיינֶע אוֹיגְן. פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי חִיָּיא'ס קֶבֶר אִין טְבֶרְיָה אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "מַתְנִיתָא דְּמַר מַתְנִינָא", הֶעלְף מִיר, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג תּוֹסֶפְתָּא, אִיךְ דַארְף אַ רְפוּאָה אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן, "וְאִתַּסַּאי" אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק זֶעעוֹודִיג; מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת וָואס מִיר לֶערְנֶען מַתְנִיתָא דְּמַר מַתְנִינָא זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ

קֶענֶען הִיטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן. מִיר זֶענֶען אוֹיךְ בְּלִינְד, מִיר הָאבְּן לֵיידֶער פַארְבְּרֶענְטֶע אוֹיגְן פוּן זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן.

אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאגְט מֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת, מֶען בַּאקֶענְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים און אֲמוֹרָאִים, דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים שְׁפִּירְט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד תַּלְמִידִי הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען אַז דוּ לֶערְנְסְט וַוייטֶער אוֹיפְ'ן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). בִּפְרָט אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בְּלִימוּד מִשְׁנַיוֹת, דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין נְשָׁמָה און דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן און עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהַרְנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.
~~~~~~~~~~~

וואַרְט אוֹיס, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן מִיט דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי יֶערְלִיכֶע פַּארְטִי פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען אַ פַּארְטִי אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי מוֹסְדוֹת אוּן אוֹיבּ זִי קֶען רוּפְן אִירֶע חַבֵר'טֶעס אוּן בַּאקַאנְטֶע; זָאג אִיר אַז אִיךְ בֶּעט אִיר פֶערְזֶענְלִיךְ זִי זָאל מִיר הֶעלְפְן, יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וֶועם זִי רוּפְט הֶעלְפְט אוּן יֶעדֶע נְדָבָה וָואס זִי קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען הֶעלְפְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי וְוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָדוֹל", יֶעדֶע פְּרוּטָה רֶעכְנְט זִיךְ צוּזַאם פַאר אַ גְרוֹיסֶע חֶשְׁבּוֹן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס מֶען הֶעלְפְט דִי מוֹסָד וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אוּנְז; מִיר הָאבְּן אַ צָרָה אַז דִי שְׁטָאט הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין אָפִיס. שׁוֹין בַּאלְד צְוֵויי וָואכְן וָואס זֵיי קוּמֶען יֶעדְן טָאג. פוּן אִינְדֶערפְרִי בִּיז אוֹיפְדֶערְנַאכְט זִיצְן זֵיי אִין אָפִיס צוּלִיבּ דִי מִיזֶעלְס אוֹיסְבְּרוּךְ; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי אָפִיס אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אוּן אַלֶעס זָאל דוּרְךְ גֵיין בְּשָׁלוֹם, אוּנְזֶער עֵצָה אִיז 'תְּפִילָה'.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם אִין יְשִׁיבָה; זַיי מִיר מוֹחֵל פַאר'ן מוֹדִיעַ זַיין אַזוֹי שְׁפֶּעט אִיבֶּער דֶעם פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, אִיךְ בִּין פָּשׁוּט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען. אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען עֶרֶב שַׁבָּת פוּן דִי נְסִיעָה אוּן גְלַייךְ זוּנְטָאג אָנְגֶעהוֹיבְּן יְשִׁיבָה - אַ פְרִישֶׁע זְמַן מִיט פְרִישֶׁע בָּחוּרִים, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר.
~~~~~~~~~~~

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק, אַבִּיסְל עֵצוֹת פַּארְ׳ן לֶעבְּן, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דַיין צָרָה, דוּ הָאסְט נָאר אֵיין עֵצָה: זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! פְּרוּבִּיר דִי עֵצָה פון רֶבִּי׳ן, גֵיי אִין אַ זַייט, אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט און גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן און דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פון דַיין צָרָה. אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ רֶעדְן, דוּ וֵייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט וְכוּ׳ זָאג דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר!" דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְמָאל אָן זָאגְן מִיט וָואס עֶר זָאל הֶעלְפְן, דָאךְ זָאלְסְטוּ אוֹיף גָארְנִישְׁט קוּקְן, זָאג נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעם מִיר אַרוֹיס פון מַיין צָרָה, הֶעלְף מִיר, הֶעלְף מִיר"**, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַּארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם; אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט. נִישְׁט דָא קַיין חֲבֵרִים, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי חֲבֵרִים זֶענֶען גוּט ווִילַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ נוּצְן, אַ טוֹבַת הֲנָאָה. מוֹהַרַא"שׁ הָאט דָאס גֶע׳חַזֶר׳ט מִיט אוּנְז דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן אַן אֱמֶת׳עֶ לֶעבְּן און ווִיסְן וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען. נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן מֶענְטְשְׁן און זִיךְ נִישְׁט פַּארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, נָאר לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער; טְרַאכְטְן פון אִים און זִיךְ פַּארְלָאזְן נָאר אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז): "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר", גֶעבֶּענְטְשְׁט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, "אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה'", וָואס פַּארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא; הַלְוַאי וֶוען דוּ קֶענְסְט אַרַיין שְׁטוּפְּן אִין דַיינֶע טִרְדוֹת אַ דַף גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַּארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ
~~~~~~~~~~~

אִין פְּגַם הַבְּרִית און עֶר אִיז אִיר אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ; מוֹהַרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "כָּל זְמַן אַ אִיד בְּלֶעטֶערְט דַּפִּים גְמָרָא, וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ אַ זְמַן אִין יְשִׁיבָה און עֶס זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען פְּרִישֶׁע בָּחוּרִים. אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אַכְט אַזֵייגֶער וְוִי מִיר לֶערְנֶען פָּאר אַ בְּלַאט גְמָרָא אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי און אַ בְּלַאט גְמָרָא אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, נָאכְדֶעם לֶערְנֶען מִיר בִּיז שַׁחְרִית - יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, צֶען אַזֵייגֶער דַאוֶונֶען מִיר שַׁחְרִית. נָאךְ שַׁחְרִית אִיז דָא אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; עֶס זֶענֶען נִתְרַבֶּה גֶעוָוארְן בָּחוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס זֵיי פַארְשְׁטֵיין נִישְׁט קַיין אִידִישׁ גֶעבּ אִיךְ זֵיי אַ שִׁיעוּר. נָאךְ פְרִישְׁטָאג לֶערְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע שִׁיעוּרִים, ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא שַׁ"ס כְּסִדְרָן. מִנְחָה דַאוֶונֶען מִיר דְרֵיי אַזֵייגֶער, פַאר מִנְחָה אִיז דָא אַ שִׁיעוּר גְמָרָא בִּיז הַלָכָה, יֶעצְט לֶערְנֶען מִיר מַסֶכֶת בְּרָכוֹת פֶּרֶק שִׁישִׁי - כֵּיצַד מְבָרְכִין און הִלְכוֹת בְּרָכוֹת. נָאכְמִיטָאג, פִינְף אַזֵייגֶער לֶערְנֶען מִיר אִינֶעם סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת.

זַיי מִתְפַּלֵל פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט, עֶס קוּמְט נָאר צוּ נָאךְ און נָאךְ אַרְבֶּעט יֶעדְן טָאג.

שְׁטֵיי נִישְׁט אִין דֶער זַייט; שַׁארְץ דִיר אוֹיךְ אַרוֹיף דַיין אַרְבֶּל און הֵייבּ אָן טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין מָשִׁיחַ צוּ גֵיין און עֶר וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן פַאר מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען?" זַיי אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט קוּמְט פָאר אִין יְשִׁיבָה אַ פְּרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג, מָארְגְן וֶועט זַיין אִין קִרְיַת יוֹאֵל און זוּנְטָאג וֶועט זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און אִין עֶנְגְלַאנְד. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אִין יֶעדֶע שְׁטָאט וואוּ עֶס וואוֹינֶען אִידְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד תַּלְמִידִי הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

יֶעצְט וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אִין דִי צַייט פוּן שִׁידוּכִים זֶע אַרוּם צוּ גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל און רֶעד צוּ אַלֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען.
~~~~~~~~~~~

מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַ בָּחוּר אַ בַּעַל מִידוֹת; אֵיינֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַ צְוֵוייטְן אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען פַאר זַיין טָאכְטֶער אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶער בָּחוּר, אַ בָּחוּר וָואס טְרַאכְט נָאר פוּן זִיךְ.

פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זַיי זִיךְ מִתְוַדֶה מִיט דִי נוּסָח קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דַיינֶע פְלֶעקְן. זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער אוֹיף אִידִישׁ: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר! אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז יֶעדְן טָאג זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין עֶרְלִיךְ אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ! הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ וֶועל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ".**

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~

**ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער גוּטְס בַּאקוּמְט מֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר; דוּ הָאסְט אַ ווַייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער. עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט מֶען הָאט אַ ווַייבּ מִיט קִינְדֶער, ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אַ כְּלִי מְקַבֵּל צוּ זַיין נָאךְ גוּטְס.

גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג, זִינְג אוּן טַאנְץ פַאר דִיר אוֹיף דִי נֵס אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שִׂמְחָה אִיז דֶער שְׁלִיסְל פַאר אַלֶעס גוּטְס - סַיי בְּרָחְנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. ווַייל אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק
~~~~~~~~~

קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אִיז תָּלוּי אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ - דֶער אִיז מַצְלִיחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועען אִין יַבְנִאֵל הָאבּ אִיךְ גֶעוִויזְן פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס מוֹהֲרַאנַ"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר לֶערְנְט; יַבְנִיאֵל הָאט צְוֵויי וֶועגְן אַריין צוּ קוּמֶען אוּן אַרוֹיס צוּ גֵיין, אֵיין וֶועג פִירְט קַיין טְבֶרְיָה אוּן אֵיין וֶועג פִירְט קַיין עַפוּלָה, פְלֶעגְט מוֹהֲרַאנַ"שׁ זָאגְן: "וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן צוּ זַיין דָא קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן וָואס פַאר אַ וֶועג עֶר וִויל, אָדֶער קַיין טְבֶרְיָה אָדֶער דֶער וֶועג קַיין עַפוּלָה, קֵיינֶער צְווִינְגְט נִישְׁט צוּ בְּלַייבְּן דָא, אַז מֶען וִויל דָא זַיין דַארְף מֶען זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִילָה נִישְׁט הֶעצְן", וד"ל.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן לוּסְטִיגֶער אִיד אוּן נָאכְאַלְץ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן וַוייל זַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה רַחְמָנָא לִצְלַן, עֶר קֶען נִישְׁט לַיידְן שִׂמְחָה. דֶעריבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ דַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט בַּיי דִיר, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז (דִבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ" - נָאר שִׂמְחָה.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ הֵיילִיגְקֵייט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט נִישְׁט
~~~~~~~~~~~

בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְש וָואס אִיז פְּרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז פְּרֵיילִיךְ זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה. דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְש קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

בִּכְלָל זֶענֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן טוֹעֶה אִין דֶעם עִנְיָן, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז וִוי מֶער צֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְגֶעזֶעצְט מֶען אִיז, אִיז מֶען אַ גְרֶעסֶערֶע צַדִיק; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק מוּז מֶען הָאבְּן 'עֲשָׂרָה קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה' אוּן צוּ זַיין פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים מוּז מֶען זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי - הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט - נָאר מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד אוּן אַ לוּסְטִיגֶער אִיד אוּן נָאכְאַלְץ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן זַיין דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן אַ בַּעַל הַבָּיִת אַזוֹי וִוי ר' אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ (אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי'ן) אוּן זַיין אֵיינֶער פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים".

גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל פַאר דַיין וַוייבּ אוּן רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן. זַיי אִיר מְכַבֵּד, שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף אִיר אוּן טוּ אִיר נִישְׁט וֵויי; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד).

זַיי מִתְפַּלֵל פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט מַיין אַרְבֶּעט; אִיךְ וֵוייס נָאךְ נִישְׁט צוּ מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁוַואךְ.

...

מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוער עֶס מַאכְט אַ מַחְלוֹקֶת בַּיים רֶבִּי'נְ'ס קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט נִישְׁט עֶנְדִיגְן דֶעם יָאר, עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן אִינֶעם יָאר; עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אִיךְ וֶועל דִיר עֶס נָאךְ שְׁרַייבְּן אַן אַנְדֶערֶעס מָאל בַּאֲרִיכוּת.

...

~~~~~~~~~~

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד תַּלְמִידֵי הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

אַ שָׁאד אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען הַיינְט בַּיים שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי רַחְמָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע מַצָּבִים,
~~~~~~~~~~

אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען פַארְשְׁוַוארְצְט מִיט עֲבֵירוֹת. דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז מִיר זָאלְן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דִי בְּלָאטֶע וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ, פוּן דָארְט זָאל מֶען זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, הֶעלְף מִיר טַאטֶע!"

גֵיי יֶעצְט אִין אַ ווִינְקְל אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן דִי רֵייד, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה".**

אַנְטְלוֹיף פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים, אֲפִילוּ אוֹיב פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס ווִי אַ חָשׁוּב'עֶר מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל-פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת; פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט וַוייל מֶען קֶען מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָה צוּ זִיצְן מִיט בָּחוּרִים; מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים", נָאךְ הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן בָּחוּרִים אוּן זֵיי ווַייזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן".

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה אוּן אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.
~~~~~~~~~~~

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פוּן פָארְאוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ לְגַבֵּי פַּרְנָסָה, קִינְדֶער אוּן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי יְדִיעָה אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, גֵייט אִים אַלֶעס גָאר אַנְדֶערְשׁ. עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן; קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גוּטְס טוּן, נָאר אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דֶער עִיקָר פַארְוָואס מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן מַכִּיר זַיין אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן.

טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער, אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן; אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען ווִיל אוֹיף גֶעבְּן, בִּפְרָט וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, מַחְלוֹקֶת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, מֶען כַאפְּט אַרַיין בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ'; דֶעמָאלְט אוֹיבּ מֶען פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; אַז מֶען שְׁפְּרִינְגְט אִיבֶּער אַלֶע קַשְׁיוֹת, אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה דַאן אִיז גָאר גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן: "דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אוֹיסְהַאלְטְן, אֲפִילוּ דֶעם גְרֶעסְטְן חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ - וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, נָאר מַחְלוֹקֶת קֶען עֶר נִישְׁט פַארְלַיידְן".

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**אַ מְלַמֵּד מוּז גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׂמְחָה פוּנֶעם גֶעבּוּרְט פוּן דַיין לִיכְטִיג אִינְגְל! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מְגַדֵּל זַיין דַיינֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה, לְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן חֲתוּנָה מַאכְן מַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, מִיטְ'ן זָארְגְן פַאר זַיין שְׁטְרַיימְל. אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן גוּט צוּ עֶסְן אוּן גוּט צוּ שְׁלָאפְן; אַ מְלַמֵּד מוּז גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן כֹּחַ פַאר דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ. אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לְנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה"; כְּדֵי צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת פַאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם בְּכַעַס אוֹיף זֵיי.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאמֶען זֵייעֶר הַארְץ אוֹיף צוּ וֶועלְן זַיין צַדִּיקִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל דָאס וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים אַ הֵיילִיגְקַייט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**אַרַיינְגֵיין אִינֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

וואָרְף נִישְׁט קַיין פַּחַד אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; קוּק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גיטין ו:): "כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, "סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת גִּילוּי עֲרָיוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים וְחִילוּל שַׁבָּת", וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן גִילוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים אוּן חִילוּל שַׁבָּת; בִּכְלָל דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז מִיט גוּטְנְס וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען בֶּעסֶער אוּן גְרִינְגֶער.

בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ נָאךְ פַּאר שַׁבָּת; גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם שַׁבָּת צוּקְרִיגְטֶערְהֵייט, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז דוּ וֶועסְט אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין וֶוויינִיגֶער גֶעלוּנְגֶען וְכוּ' וְכוּ'.

בֶּעט דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי קֶען מִיר טוּן דִי טוֹבָה אוּן רוּפְן אַלֶע אִירֶע מִשְׁפָּחָה אוּן חַבְרְ'טֶעס צוּ דִי פַּארְטִי. דִי מוֹסָד טוּט פַּאר דִיר אַ גַאנְץ יָאר יֶעדְן טָאג, מִיר זִיצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער - מֶעגְסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן וֶועג אוּן רוּפְן דַיינֶע פְרַיינְד אוּן בַּאקַאנְטֶע צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד וָואס גֶעבְּט דִיר לֶעבְּן אוּן לֶעבְּן פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער.

מִיר אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ קֶען וֶוען נֶעמֶען דִי גְרִינְגֶע וֶועג אוּן יֶעדֶע מָאל מִיר מוּטְשֶׁעֶנען זִיךְ מִיט אַ (דַיין) קִינְד דִיר אַרָאפּ רוּפְן אוּן מַאכְן אַ מִיטִינְג מִיט דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אוּן אַייךְ שִׁיקְן אוֹיף טֶערֶעפִּי וְכָל הַשֵּׁמוֹת הַנִּרְדָּפִים, מִיר טוּעֶן דָאס נִישְׁט נָאר מִיר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי (דַיינֶע) קִינְדֶער; בֶּעט אִיךְ דִיר גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין וֶועג אוּן הֶעלְף אַז דִי פַּארְטִי זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַּאר דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר דָאס אִיבֶּער נָאךְ הַיינְט פַּאר שַׁבָּת.

אַ גוּט שַׁבָּת!

...

~~~~~~~~~~~

**אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי פַּארְטִי פַּאר דִי מוֹסְדוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אוֹיבּ אִיר קֶענְט אַנְטֵייל נֶעמֶען אִין דִי יֶערְלִיכֶע פַּארְטִי וָואס מִיר מַאכְן פַּאר דִי מוֹסָד. דֶעם זוּנְטָאג וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען דִי יֶערְלִיכֶע פַּארְטִי אִין יְשִׁיבָה, בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט רוּפְן אֵייעֶרֶע בַּאקַאנְטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה צוּ אַנְטֵייל
~~~~~~~~~~~

נֶעמֶען און זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְהַאלְטְן דִי מוֹסָד וָואס גֶעבְּט אוּנְז חַיּוּת און לֶעבְּן - פַאר אוּנְז און פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

טוּט מִיר אַ טוֹבָה, הֵייבְּט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאן און רוּפְט אֵייעֶרֶע בַּאקַאנְטֶע זֵיי זָאלְן קוּמֶען לְכָבוֹד אַייךְ, לְכָבוֹד אֵייעֶר מַאן און לְכָבוֹד אֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אֵייעֶרֶע קִינְדֶער און מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִידְן וָואס לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און פִירְן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי סְגוּלוֹת פוּן עֶסְן סְעוּדַת מְלַוָה מַלְכָּה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וַואשׂ זִיךְ צוּ מְלַוָה מַלְכָּה; עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז וֶוער עֶס עֶסְט מְלַוָה מַלְכָּה אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און גֶעזוּנְטֶע נֶערְוְון.

מַאךְ אַ שֵׁיינֶע מְלַוָה מַלְכָּה פַאר דִיר און דַיין וַוייבּ; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז סְעוּדַת מְלַוָה מַלְכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר אַ גְרִינְגֶע לֵידָה - מֶען זָאל הָאבְּן גְרִינְגֶערְהֵייט דִי קִינְדֶער און אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ הָאט אַנְטֵייל גֶענוּמֶען בַּיי דִי פַּארְטִי מָארְגְן.

אַ גוּטֶע וָואךְ!

...
~~~~~~~~~~~